בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ערש"ק פ' ויצא | תשע"א | סוטה: חזרה

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג איז מרן רבינו שליט"א געגאנגען אויף א ביקור גומלין צו כ"ק אדמו"ר מ'תולדות אברהם יצחק שליט"א אין זיין אכסניא בבית מוה"ר אברהם יודא שווארץ הי"ו, ווי עס איז אנטוויקעלט געווארען גאהר א שיינער ידידות'דיגער שמועס.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד אבני צדק ווי עס איז נאכ'ן דאווענען פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל גאלדמאן הי"ו.

ליל שב"ק די וואך וועט אי"ה דער רבי שליט"א אריינקומען צום טיש אין היכל השלחנות אום 8:00 אזייגער אינאיינעם מיט די בחורי חמד תלמידי הישיבה.

## תולדות א"י רבי שליט"א שטאהט אפ באזוך אין ישיבה גדולה – שיעור ד'

נעכטן אוונט האט דער תולדות אברהם יצחק רבי שליט"א אפגעשטאהט א באזוך אין היכל הישיבה גדולה – שיעור ד', ווי דער רבי שליט"א האט געגעבן א ווארעמער שמועס פאר די בחורי חמד תלמידי הישיבה. דער תוא"י רבי איז אנגעקומען אין ישיבה אין באגלייטונג פון די חשוב'ע איבערגעגעבענע חברי ההנהלה פון שיעור ד'.

## אלפי אנ"ש ערווארטעט ביי דינער לטובת מוסדותינו הק' אין בארא פארק

טויזענטער אנשי שלומינו וועלן זיך באטייליגן אי"ה דעם מוצש"ק ביים יערליכען דינער לטובת מוסדותינו הק' אין בארא פארק וואס וועט אי"ה פאהרקומען אין די זאלן פו עטרת חי' אין בנין פון די בית רחל אויף די 14'טע עוו. און די 45'סטע גאס, בהשתתפות מרנן ורבנן רבני העיר שליט"א ובראשם כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

חוץ פון די מתנות אויף די ספעציעל באשטימטע "זכותים" וואס איז פראקלאמירט געווארן דורך די הנהלת המוסדות פאר די משתתפים, וועט אי"ה פארטיילט ווערן א באזונדערע מתנה פאר יעדע נתינה ביים דינער.

*-איש בל יעדר!-*

## פתיחת ביהמ"ד ישמח משה אין וומסב"ג

אי"ה דעם שבת קודש קומט פאהר דער "פתיחת שערים" פון נייעם ביהמ"ד "ישמח משה" דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג אויף 322 ראטלעדש סט.. וועלכער וועט אי"ה דינען אלס תל תלפיות פאר אנשי שלומינו וועלכע וואוינען אין די געגנט פון ראטלעדש – העריסאן – בראדוועי און ארום.

לרגל די געלעגנהייט וועט אי"ה פאהרקומען שב"ק בייטאג א מעמד הכנסת ספר תורה ווי דער וויליאמסבורג'ער רב שליט"א וועט זיך אי"ה פערזענליך משתתף זיין ביי די תפילות, און נאכ'ן דאווענען וועט אי"ה פאהרקומען א קידושא רבה.

*-זה השער לה'-*

## אנטווערפען יצ"ו

דעם מוצש"ק פ' ויצא הבעל"ט וועט אי"ה ווייטער נמשך ווערן די וועכענטליכע שיעור אין הל' טהרה בהיכל בית מדרשינו, דורך הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א מו"צ בקהלתינו הק'. די וואך וועט מען ממשיך זיין אין הל' יחוד, און וועט פארקומען בשעה 9.00 .

בחדא מחתא וואונטשן מיר א הערצליכן "מזל טוב" פאר ידידנו החשוב והמרומם הרה"ג ר' שלום יצחק שעהר שליט"א ר"מ בישיבה קטנה סאטמאר ורואה חשבון דקהלתינו הק', צו די שמחת הולדת בנו למז"ט ובשעטומ"צ. די שמחת השלום זכר וועט פארקומען דעם ליל שב"ק ביי אים אין שטוב אויף די לאמארניער גאס נומער 50.

*בברכת שבתא טבא*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי איך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:

BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.